

# פאראויס'דיגע אנווייזונגען [עדוועגס דייַרעקטיוו'ס] (Advance Directives)

צו מאכן אייערע וואונטשן באקאנט און רעספעקטירט



אטוירני דזשענעראל פון ניו יארק סטעיט
**לעטישע דזשעימס**

## געערטע ניו יארקער איינוואוינער,

צו פלאנירן באהאנדלונג ווען עס קומט צום ענדע-פון-לעבן (end-of-life) איז א קאמפליצירטע זאך. כאטש עס איז שווער צו רעדן איבער די לעצטע פאזע פונעם לעבן, קען עס אבער זיין א געוואלדיגע געשאנק וואס מיר קענען געבן פאר אונזערע פאמיליעס און פאר אונזערע באליבטע, זיי צו צו-גרייטן פון פאראויס צו שווערע און דערדריקנדע באשלוסן וואס מוזן געמאכט ווערן.

פאר די יעניגע וואס ווילן פלאנירן פון פאראויס, קען דער ניו יארק געזעץ זיי ארויס העלפן. צום סוף איז אייער באשלוס צו אקצעפטירן אדער צו אנטזאגן מעדעצינישע באהאנדלונג באמת געוואנדן אין אייער פערזענליכן באגער, פרינציפן און איבערצייגונגען. דער וועג ווייזער ערקלערט אייער רעכט אויסצוקלויבן מעדעצינישע באהאנדלונג, און עס שילדערט די שריט וואס איר קענט נעמען אונטערן געזעץ פון די סטעיט, צו העלפן זיכער מאכן, אז אויב איר זענט אומפעאיג צו רעדן פאר זיך אליין, זאלן אייערע פערזענליכע געזונטהייט באשלוסן זיין באקאנט און זאלן ווערן רעספעקטירט.

דאס צוגרייטן א פאָר איינפאכע לעגאלע פאָרם‹ס, וואס זענען באקאנט אלס ‹פאראויס‹דיגע אנווייזונגען› [עדוואנסד דירעקטיוו'ס] (advance directives), קען העלפן פארזיכערן אז אייער באגער זאל ווערן רעספעקטירט און אז אייערע געזונטהייט באהאנדלונג באשלוסן זאלן בלייבן אין די הענט פון מענטשן וועמען איר געטרויעט. דער וועג ווייזער אנטהאלט אינפארמאציע איבער די ‹פאראויס‹דיגע אנווייזונגען› פאָרם‹ס, מיט עצות וויאזוי זיי צו נוצן. מיר האפן אז איר וועט זעהן אז דער וועג ווייזער איז אייך טאקע בייהילפיג.

מיט שעצונג,



# אינהאלט

**טערמינען וואס מען דארף וואוסן ............ 1**

**דער אנהויב ............ 3**

**וויאזוי אויס צו וועהלן אייערע ׳פאראויס׳דיגע אנווייזונגען [עדוואנס דיירעקטיוו׳ס] (advanced directives) ............ 4**

א ׳העלטה קעיר פראקסי׳ ............ 5

א ׳ליווינג וויל׳ ............ 8

חילוקים צווישן א ׳ליווינג וויל׳ און א ׳העלטה קעיר פראקסי׳ ............ 10

׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ [דא נאט ריסאסוטעיט ארדערס] (DNR) ............ 10

לעבנס-פארלענגערן באהאנדלונג [׳לייף-סוסטעינינג טריעטמענט׳] פאָרם (Life-Sustaining Treatment), (MOLST) ............ 12

**מאכן באקאנט אייערע ׳אנווייזונגען׳ [דיירעקטיוו׳ס] (Directives) ............ 12**

׳העלטה קעיר פראקסי׳ און ׳ליווינג וויל׳ ............ 12

׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Orders) ............ 13

**אויב איר האט נישט קיין ׳פאראויס׳דיגע אנווייזונג׳ [עדוואנס דיירעקטיוו] (advance directive) ............ 13**

באשטימען א ׳סאראגעיט׳ (Surrogate) ............ 14

חילוקים צווישן א ׳העלטה קעיר פראקסי׳ און א ׳סאראגעיט׳ (Surrogate) ............ 16

**אנולירן ׳פאראויס׳דיגע אנווייזונגען [עדוואנס דיירעקטיווס] (Advance Directives) ............ 17**

אנולירן אייער ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR) ............ 17

**ספעציעלע אישוס ............ 18**

וויאזוי ווערט אומבארירלעכקייט (Incapacity) באשטימט ............ 18

זיך אפגעבן מיט יסורים ............ 18

׳האספייס׳ (Hospice) באהאנדלונג ............ 19

׳פעליעטיוו׳ (Palliative) באהאנדלונג ............ 20

מנדב זיין איברים ............ 20

**פארטרעטער׳שאפט קראפט [׳פאווער אוו אטורני׳] (Power of Attorney) ............ 21**

**צום שלוס: פונקטן צום געדענקן ............ 22**

פאראויס צו פלאנירן באהאנדלונג גיט אייך די געלעגנהייט צו פלאנירן מעדעצינישע באהאנדלונג אויפן צוקונפט, אין פאל אויב איר זענט אומפעאיג צו מאכן אייערע אייגענע באשלוסן. דאס קען אויך מיינען אז איר זאלט צוגרייטן איין אדער עטליכע גלאטע און פארשטענדליכע לעגאלע דאקומענטן ־ צום ביישפיל: א 'געזונטהייט באהאנדלונג פארטרעטער', [העלטה קעיר פראקסי] (Health Care Proxy) ־ וואס קען אייך העלפן צו פארזיכערן אז אייערע געזונטהייט באהאנדלונג באשלוסן ווערן אויסגעפאלגט און אז די באשלוסן ווערן געמאכט דורך מענטשן וועמען איר געטרויעט. עס איז וויכטיג אז פאראויס'דיגע באהאנדלונג פלאנירונג זאל זיך אנהייבן דורך גוט דורך טראכטן מעגליכע געזונטהייט אומשטענדן וואס קענען אויפקומען אינעם צוקונפט, און אפהאלטן געשפרעכן מיט אייער פאמיליע און פריינט וואס אנבאלאנגט אייערע וואונטשן.

צו טראכטן וועגן מעגליך ערנסטע און טויטליכע קראנקהייטן און צו רעדן איבער אייערע וואנטשן קען זיין שווער. דאס איז די אורזאך פארוואס עס איז וויכטיג צו זיין גוט אינפארמירט איבער די שריט וואס איר ווילט מעגליך נעמען. דער ביכל שמועסט דורך א טייל פון די מערסטע אפטע לעגאלע ברירות וואס זענען פארהאנען פאר ניו יארקער איינוואוינער, און עס קען אייך העלפן פארשטיין וואס די ברירות זענען, און וויאזוי דאס דורך צו רעדן מיט אייער פאמיליע און פריינט דערוועגן. לאמיר אנהייבן מיט געוויסע איבערטייטשונגען. יעדע איינע פון די טערמינען וואס פיגורירן דא אויף די ליסטע וועלן מער אויספירליך אויסגעשמועסט ווערן איבער די קומענדיגע זייטלעך.

**עס איז גאר שטארק וויכטיג אז איר זאלט באטראכטן, אדער נאכאמאל באטראכטן, אייערע געזונטהייט באהאנדלונג ברירות, אויב איר:**

- זענט דיאגנאזירט געווארן מיט אן אומהיילבארע-טויטליכע קרענק ['טערמינל אילנעס'] (terminal illness);
- זענט דיאגנאזירט געווארן מיט א קראנקהייט אדער מצב וואס קען פירן צו אומבארירליכקייט ['אינקאפעסעטי'] (incapacity);
- איר גייט אריין וואוינען אין אן 'אסיסטעד ליווינג פעסיליטי' (assisted living facility) אדער נורסינג היים;
- איר זענט געווארן 'אדמיטעד' (admitted) אין א שפיטאל און איר זענט העכער 65 יאר אלט.

**׳פאראויס׳דיגע אנווייזונגען׳** [עדווענס דיירעקטיוו׳ס] (advance directives) זענען לעגאלע דאקומענטן דורך וועלכן איר קענט פארשרייבן די תנאים איבער באשלוסן וואס אנבאלאנגט צוקונפטיגע מעדעצינישע באהאנדלונג אין פאל וואס איר זענט אומפעאיג צו מאכן אזעלכע באשלוסן פאר זיך אליין. אין ניו יארק סטעיט זענען פארהאנען דריי אזעלכע סארטן:

**׳געזונטהייט באהאנדלונג פארטרעטער׳ [העלטה קעיר פראקסי] (Health Care Proxy), א ׳לעבעדיגע צוואה׳ [ליווינג וויל] (Living Will), און ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ [דא נאט ריסאסוטעיט ארדער] (Do Not Resuscitate Order).** ׳סי.פי.אר.׳ (CPR), אדער ׳קארדיאפולמאנארי ריסאסוטעישאן׳ (cardiopulmonary resuscitation) איז אן עמוירדזשענסי פראצעדור געצילט נאכאמאל אנצוהייבן די ארבייט פון אייער הארץ און לונגען, דורך צו-קוועטשן די ברוסט-קאסטן וואס ליגט איבערן הארץ, און אריין צווינגען לופט אין די לונגען. נאך אזעלכע פראצעדורן וואס זענען פארהאן צו ראטעווען לעבנס זענען ׳מעכאנישע ווענטילאציע׳ (mechanical ventilation) אדער ׳רעספירעיטאר׳ (respirator), און אריינגעבן מעדיקאמענטן דורך די אדערן כדי צו רעגולירן די בלוט-דרוק און הארץ קלאפן.

**׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ [דא נאט ריסאסוטעיט ארדער] (Do Not Resuscitate Order)** איז א מעדעצינישער באפעל וואס ווערט אויסגעשריבן דורך א דאקטאר. עס ווייזט אן פאר העלטה קעיר פראוויידערס נישט דורך צו פירן ׳סי.פי.אר.׳ [קארדיאפולמאנארי ריסאסוטעישאן] (CPR) אדער אנדערע עמוירדזשענסי פראצעדורן צו ראטעווען לעבנס אין פאל אייער הארץ-קלאפן אדער אטעמען שטעלט זיך אפ. אזא DNR ווערט אראנזשירט מיט אייער דאקטאר אדער העלטה קעיר פראוויידער בעפאר אן עמוירדזשענסי פאסירט.

**א העלטה קעיר פראקסי** (Health Care Proxy) פאָרם ערלויבט אייך צו באשטימען א העלטה קעיר אגענט ־ איינעם וועמען איר געטרויעט צו מאכן העלטה קעיר באשלוסן אנשטאט אייך אויב איר זענט אומפעאיג צו מאכן באשלוסן פאר זיך אליין. כדי אז דער העלטה קעיר פראקסי (Health Care Proxy) זאל ווערן אפעקטיוו, מוזן צווייי דאקטוירים באשליסן אז איר זענט טאקע אומפעאיג צו מאכן אייערע אייגענע באשלוסן.

**א ׳ליווינג וויל׳** (Living Will) ערלויבט אייך איבער צו לאזן שריפטליכע אנווייזונגען וואס טוען אויפקלערן אייערע העלטה קעיר וואונטשן, הויפטזעכליך וואס אנבאלאנגט ענדע-פון-לעבן באהאנדלונג. דער דאקומענט ווערט אפעקטיוו ווען איר זענט אומפעאיג צו מאכן אייערע אייגענע באשלוסן, און אייער דאקטאר באשטעטיגט אז איר האט אן אומהיילבארן מצב. איר קענט נישט נוצן א ׳ליווינג וויל׳ (Living Will) צו באשטימען א העלטה קעיר אגענט; פאר דעם דארפט איר נוצן א העלטה קעיר פראקסי (Health Care Proxy) פאָרם.

### מאכט קלאר אייערע וואונטשן

לויזט ערקלערונגען וואס איר האט מעגליך געמאכט צו אייערע פאמיליע, ווי למשל ״האלט׳ס מיר נישט ביים לעבן אויף מאשינען,״ ״מאכט נישט אויסערגעווענליכע זאכן,״ אדער ״מאכט זיכער אז איך לייד נישט קיין יסורים״, איז מעגליך נישט גענוג קלאר געזאגט אז מען זאל אפשטעלן געוויסע פראצעדורן.

**׳מאלסט׳ פאָרם**: מעדעצינישע באפעלן וועגן לעבנס-פארלענגערן באהאנדלונג, [׳מעדיקל ארדערס פאר לייף סוסטעינינג טריטמענט׳ (Medical Orders for Life Sustaining Treatment)], ערלויבט פאר דאקטוירים צו רעקארדירן אייער פארצוג וואס אנבאלאנגט ׳סי.פּי.אר.׳ [קארדיאפולמאנארי ריסאסוטעישאן] (CPR), מעכאנישע אינטערווענץ, און אנדערע לעבנס-פארלענגערן באהאנדלונגען אויף איין פאָרם, אלס א באפעל פון א דאקטאר. עס מוז אויסגעפילט ווערן דורך א העלטה קעיר פראפעשאנעל און אונטערגעשריבן ווערן דורך א דאקטאר וואס באזיצט לייסענס פון ניו יארק סטעיט, כדי עס זאל זיין גילטיג.

**פארטרעטער־שאפט קראפט [׳פּאוער אוו אטורני׳] (Power of Attorney)** ערלויבט אייך, דער ׳פרינציפאל׳ (Principal), צו באשטימען אן אגענט (Agent), וואס זאל קענען ארבייטן אנשטאט אייך זאפארט נאכדעם וואס עס ווערט אונטערגעשריבן, אדער ווען עס קומט פאר א געוויסע פאסירונג אינעם צוקונפט, און עס גייט אזוי אן ביז ווילאנג עס ווערט אנולירט דורך אייך, אדער ביי אייער טויט; דער כח ווערט פארגעזעצט ווען איר זענט גייסטיש אדער פיזיש אומבארירליך (incapacitated).

**׳פעליעיטיוו קעיר׳ (Palliative Care)** איז א פארשידענארטיגער צוגאנג צו ספעציאליזירטע מעדעצינישע באהאנדלונג פאר מענטשן וואס ליידן פון קרענק וועלכע באגרעניצן דאס לעבן, און קאנצעטרירט זיך אין צו-שטעלן פאר די מענטשן א היילונג פון זייערע סימפטאמען, יסורים, פיזישע סטרעס, און גייסטישע סטרעס פון די אומהיילבארע-טויטליכע דיאגנאזע [׳טערמינל דייאגנאסיס׳] (terminal diagnosis).

**׳סאראגעיט׳ (Surrogate)** איז א פערזאן וואס איז נאענט צו אייך, לויט ווי עס איז אויסגעטייטשט דורכ׳ן ניו יארק סטעיט געזעץ, וואס קען מאכן באשלוסן אין אייער נאמען אויב איר האט פארלוירן די פעאיגקייט צו מאכן באשלוסן איבער אייער מעדעצינישע באהאנדלונג, און איר האט נישט געהאט באשטימט א העלטה קעיר אגענט.

# דער אנהויב

דאס געזעץ אין ניו יארק שענקט אייך די רעכט צו אקצעפטירן און אנטזאגן מעדעצינישע באהאנדלונג, אריין גערעכנט פראצעדורן וואס פארלענגערן דאס לעבן, ווי למשל מעכאנישע אטעמען (respiration) און באקומען ערנערונג דורך א ׳טוב׳ (tube) אדער דורך די אדערן [׳אינטערוּוינעס׳] (intravenous).

אזוי לאנג ווי איר זענט פעאיג דאס צו טאן, קענט איר רעדן דירעקט צו אייער דאקטאר און אייערע פאמיליע מיטגלידער און זיי לאזן וואוסן ווא פאר א באהאנדלונג איר ווילט מעגליך יא אדער נישט באקומען. אבער, וואס פאסירט אויב איר זענט אומבארירליך (incapacitated), אדער איר זענט אין א קאמע (coma) למשל? די איינציגסטע וועג וויאזוי איר קענט זיין זיכער אז אייער וואונטשן וועלן זיין באקאנט און רעספעקטירט, איז צו פלאנירן וועגן צוקונפטיגע מעדעצינישע באהאנדלונג.

די ערשטע טריט אויפן וועג צו מאכן א פלאן וועגן ענדע-פון-לעבן באהאנדלונג איז דורך צו טראכטן וואס פאר א סארט באהאנדלונג איר וועט מעגליך וועלן, אין איינקלאנג מיט אייערע פרינציפן און איבערצייגונגען. שמועסט דורך אייער וואונטשן מיט אייער דאקטאר, מיט אייער פאמיליע און באליבטע. עס איז נישט קיין גרינגע טעמע מיט וועלכן זיך צו ספראווען אבער עס וועט העלפן אייער פאמיליע און באליבטע צו וואוסן וואס פאר א סארט באהאנדלונג איר ווילט. די דאזיגע פראגעס קענען אייך העלפן אידענטיפיצירן וואס פאר א סארט באהאנדלונג איר ווילט מעגליך יא אדער נישט באקומען, אין פאל איר זענט מער נישט פעאיג צו באשליסן פאר זיך אליין.

1. ווילט איר געוואלט אז אייער דאקטאר זאל צוריק האלטן אדער אפשטעלן מעדעצינישע באהאנדלונג, אין פאל די מעדעצינישע באהאנדלונג וועט נאר פארלענגערן דאס שטארבן?

2. ווילט איר געוואלט מען זאל מאכן ׳סי.פי.אר.׳ [קארדיאפולמאנארי ריסאסוטעישאן] (CPR), צוריק צו שטעלן דאס אטעמען וואס האט זיך אפגעשטעלט און/אדער דאס הארץ קלאפן?

3. ווילט איר געוואלט מען זאל ווייטער פארזעצן מעכאנישע אטעמען (respiration), דאס מיינט מען זאל נוצן מאשינען אייך צו דערהאלטן דאס אטעמען?

4. ווילט איר געוואלט מען זאל אייך פיטערן עסן און וואסער דורך א ׳טוב׳ (tube) אדער דורך די אדערן [׳אינטערוועינעס׳] (intravenous)?

5. ווילט איר געוואלט מען זאל אייך געבן די מאקסימום מעדעצין קעגן יסורים אפילו אויב עס איילט צו אייער טויט?

6. ווילט איר געוואלט מנדב זיין אייערע אברים (organs) און/אדער ׳טישוס׳ (tissues)?

דורך צו טראכטן וואס פאר א באהאנדלונג איר ווילט באקומען אין געוויסע אומשטענדן, און צו רעדן מיט אייער דאקטאר און אייערע באליבטע איבער אייערע העלטה קעיר וואונטשן, איז א וויכטיגער טריט. אראפ צו שרייבן די וואונטשן אויף פאפיר איז מער ווירקזאם צו פארזיכערן אז יעדער וואס איז פארמישט דערין זאל האבן א קלארע און פארלאז׳בארע בליק איבער די ספעציפישע פרטים דערפון. צו באשטימען עמיצן צו מאכן פאר אייך העלטה קעיר באשלוסן קען זיין א ווירקזאמער וועג צו אדרעסירן מצבים וואס איר זענט מעגליך אומפעאיג פאראויס צו זעהן. די ׳פאראויס׳דיגע אנווייזונגען׳ [עדוואנס דייערעקטיווס] (advance directives) וואס זענען דערמאנט דא אויבן, שטעלן אייך צו א מיטל וויאזוי צו פלאנירן פון פאראויס, כדי איר זאלט זאלט קענען באקאנט מאכן אייערע וואונטשן, אז איר זאלט זיין דער וואס באשליסט וואס ס׳איז דאס בעסטע פאר אייך.

# וויאזוי אויס צו וועהלן אייערע 'פאראויס'דיגע אנווייזונגען' [עדוועַנס דייערעקטיווס] (advanced directives)

**וויאזוי טוט איר אויס וועהלן וועלכע ‹פאראויס›דיגע אנווייזונג› [עדוועַנס דייערעקטיוו] (advance directive) עס איז אמבעסטן געאייגענט פאר אייך? אט האט איר עטליכע פראגעס און ענטפערס וואס קענען אייך ארויס העלפן:**

- אויב איר זענט אין א קאמע (coma) אדער אין א ‹וועדזשעטעטיוו› (vegetative) מצב, אער איר זענט אויף אן אנדערן וועג אומבארירבליך (incapacitated), וואלט איר געוואלט אז עמיצער וועמען איר געטרויעט זאל מאכן באשלוסן פאר אייך?

**אויב אייער ענטפער איז יא**, דעמאלט נעמט אין באטראכט א 'געזונטהייט באהאנדלונג פארטרעטער' [העלטה קעיר פראקסי] (Health Care Proxy) דורך באשטימען עמיצן וועמען איר געטרויעט אלס אייער העלטה קעיר אגענט, צו רעדן און באשליסן פאר אייך אין פאל וואס איר זענט אומפעאיג דאס צו טאן אליין. (זעהט ווייטער דא אונטן.)

**אויב אייער ענטפער איז ניין** ווייל איר ווילט נישט אז קיינער וועמען איר געטרויעט זאל נישט טאן קיין זאכן אלס העלטה קעיר אגענט, דעמאלט נעמט אין באטראכט א 'לעבעדיגע צוואה' [ליווינג וויל] (Living Will) כדי אז אייערע מעדעצינישע אנווייזונגען זאלן זיין קלאר און זאלן קענען געלייענט ווערן דורך די וואס באהאנדלן אייך, ווען איר זענט אומפעאיג אויסצודריקן אייערע וואונטשן.

- אפילו אויב איר ווילט אז עמיצער וועמען איר געטרויעט זאל מאכן מעדעצינישע באשלוסן פאר אייך, האט איר נאך ווייטער א שטארק-געהאלטענע מיינונג איבער ספעציפישע מצבים?

**אויב יא**, דעמאלט וועט איר מעגליך וועלן אין באטראכט נעמען א 'העלטה קעיר פראקסי" אינעאיינעם מיט א 'ליווינג וויל', כדי אז דער מענטש וועמען איר באשטימט צו ארבייטן אין אייער נאמען זאל זיך אויך קענען פארלאזן אויף אייערע געשריבענע אנווייזונגען ביים מאכן באשלוסן פאר אייך.

**אויב נישט**, דעמאלט איז מעגליך אז בלויז א 'העלטה קעיר פראקסי" וועט זיין גענוג נאכצוקומען אייערע געברויכן.

# א ׳העלטה קעיר פראקסי׳ (Health Care Proxy)

איר קענט אויספילן א העלטה קעיר פראקסי (Health Care Proxy) פאָרם אויב איר זענט 18 יאר אלט אדער עלטער. א העלטה קעיר פראקסי פאָרם, וועלכע איז גוטגעהייסן געווארן לויטן ניו יארקער געזעץ, ערלויבט אייך צו באשטימען עמיצן וועמען איר געטרויעט - א העלטה קעיר אגענט - צו מאכן העלטה קעיר באשלוסן אין אייער נאמען, אין פאל איר זענט שוין מער נישט פעאיג דאס צו טאן פאר זיך אליין [2]. איר קענט איבער געבן אייערע וואונטשן פאר אייער אגענט מינדליך (orally) אדער שריפטליך. דער ניו יארקער געזעץ פאדערט פון שפיטעלער און נויריסינג היימען אייך צו צו-שטעלן דעם העלטה קעיר פראקסי (Health Care Proxy) פאָרם און אינפארמאציע איבער וויאזוי מען שאפט א פראקסי. [3]

# דא אונטען זענען אויסגערעכנט געוויסע זאכן וואס מען זאל נעמען אין באטראכט ביים שרייבן און אונטערשרייבן אייער ׳העלטה קעיר פראקסי׳ (Health Care Proxy) פאָרם.

## טריט נומער 1: פארשטייט אייער העלטה קעיר אגענט׳ס אויטאריטעט

לויט ניו יארק׳ס העלטה קעיר פראקסי געזעץ, הייבט זיך אן אייער אגענט׳ס אויטאריטעט צו מאכן באשלוסן ווען אייער דאקטאר טוט פעסטשטעלן אז איר האט פארלוירן די פעאיגקייט צו מאכן באשלוסן פאר זיך אליין. פאר א באשלוס אפצושטעלן אדער צוריק צו האלטן באהאנדלונג אנצוהאלטן דאס לעבן, מוז א צווייטער דאקטאר באשטעטיגן אייער דאקטאר׳ס באשלוס.

איר קענט געבן פאר אייער העלטה קעיר אגענט אזוי ווייניג אדער אזוי פיל אויטאריטעט וויפיל איר ווילט. אין אנדערע ווערטער, איר קענט ערלויבן פאר אייער אגענט צו מאכן אלע העלטה קעיר באשלוסן אין אייער נאמען, אדער נאר געוויסע באשלוסן.

אין אנדערע ווערטער, איר קענט ערלויבן פאר אייער אגענט צו מאכן אלע העלטה קעיר באשלוסן אין אייער נאמען, אדער נאר געוויסע באשלוסן.

### העלטה קעיר פראקסי (Health Care Proxy) פאָרם

די סטאנדארד העלטה קעיר פראקסי (Health Care Proxy) פאָרם וואס איז באשטעטיגט אונטערן ניו יארק׳ער געזעץ, איז דא צוגעשטעלט אויף די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט או העלטה וועבזייטל, און ווערט אנגעבאטן אין ענגליש, כינעזיש, האיאטן קריאל, קארעאן, רוסיש און ספאניש – מיט אויספירליכע אנווייזונגען, אויף:

**health.ny.gov/publications/1430.pdf**

## א העלטה קעיר אגענט'ס רעכטן און פליכטן לויט ניו יארק'ס העלטה קעיר פראקסי (Health Care Proxy) געזעץ:

אייער העלטה קעיר אגענט קען מאכן באשלוסן וואס אנבאלאנגט די אומנאטורליכע ערנערונג (artificial nutrition) און אנטרונקן [׳הײדרעישאן׳] (hydration), (למשל צו נוצן א ׳טוב׳ אייך צו געבן עסן אדער וואסער). איר האט די ברירה, אדער ספעציפיש ארויס זאגן פאר אייער אגענט וואס אייערע וואונטשן זענען, אדער אריין שרייבן אייערע וואונטשן אין אייער העלטה קעיר פראקסי (Health Care Proxy) פאָרם.

אייער אגענט וועט האבן די אויטאריטעט צו באשליסן צי אייער הארץ-קלאפן זאל צוריק אנגעהויבן ווערן דורך ׳סי.פי.אר.׳ (cardiopulmonary resuscitation) , אדער נישט, אויסער אויב איר שרייבט אריין אין אייער העלטה קעיר פראקסי (Health Care Proxy) פאָרם אז אייער אגענט קען נישט מאכן דעם באשלוס פאר אייך.

וויבאלד אייער אגענט'ס אויטאריטעט הייבט זיך אן, האט ער אדער זי די רעכט צו באקומען אייער מעדעצינישע אינפארמאציע און רעקארדס, כדי צו קענען מאכן אינפארמירטע העלטה קעיר באשלוסן פאר אייך.

אייער אגענט'ס באשלוס איז ענדגילטיג אויסער אויב א פאמיליע מיטגליד שטעלט זיך אקעגן, אדער אן אנשטאלט באקומט א געריכטליכן באפעל איבער צו דרייען דעם באשלוס, אדער דיס-קוואליפיצירן דעם אגענט.

אייער אגענט איז נישט פינאנציעל פאראנטווארטליך פאר די אויסגאבן פון אייער באהאנדלונג.

אין אלגעמיין פאדערט זיך פון אייער אגענט צו מאכן העלטה קעיר באשלוסן פאר אייך אין איינקלאנג מיט אייערע וואונטשן, רעליגיעזע און מאראלישע איבערצייגונגען, און אין אייערע בעסטע אינטערעסן.

### דארף מיין העלטה קעיר אגענט וואוינען אין די זעלבע שטאט ווי אייך?

כאטש דאס געזעץ פאדערט נישט פון אייך צו באשטימען אן אגענט וואס וואוינט אין די זעלבע שטאט אדער סטעיט ווי איר וואוינט, איז עס אבער זייער א גוטע עצה אויס צו וועהלן אזא איינעם וואס וואוינט נאענט צו אייך. צום ביישפיל, אויב איר זענט אומהיילבאר-טויטליך קראנק [׳טערמינאלי איללי׳] (terminally ill), און אומפעאיג צו מאכן באשלוסן פאר זיך אליין, וועט אייער אגענט מעגליך דארפן אנברענגן וואכען אדער אפילו חדשים לאנג נעבן אייך, כדי צו פארזיכערן אז אייערע העלטה קעיר וואונטשן ווערן אויסגעפאלגט.

## טריט נומער 2: וועהלט אויס א העלטה קעיר אגענט

דאס אויסוועהלן אייער העלטה קעיר אגענט איז זייער א וויכטיגער באשלוס. אין אלגעמיין האט איר די רעכט צו באשטימען סיי וועלכן קאמפעטענטן ערוואקסענעם מענטש (פון 18 יאר אלט און העכער) אלס אייער העלטה קעיר אגענט. אייער אגענט קען זיין אייער מאן אדער ווייב אדער פארטנער, אן ערוואקסן קינד, א קרוב אין די פאמיליע, א נאענטער פריינט אדער אן אדוואקאט. קלויב אויס איינעם וועמען איר געטרויעט ־ און איינער מיט וועם איר שפירט זיך זיכער ביים דורכשמועסן אייערע וואונטשן וואס אנבאלאנגט מעדעצינישע באהאנדלונג. אייער אגענט מוז נישט זיין איינשטימיג מיט אלע אייערע וואנטשן, אבער ער מוז זיין איינער וואס איז פעאיג זיי אויסצופאלגן, אפגעזעהן וואס עס זענען זיינע אדער אירע אייגענע געפיהלן. און, פארשטייט זיך, עס איז אלעמאל א גוטער אייניפיר זיכער צו מאכן אז דער פערזאן וועמען איר האט באשטימט אלס אייער אגענט איז באקוועם אייך צו סערווירן אלס אייער אגענט.

**לויט ניו יארק׳ס העלטה קעיר פראקסי געזעץ קענט איר באשטימען סיי וועלכן קאמפעטענטן ערוואקסענעם מענטש אלס אייער העלטה קעיר אגענט, אויסער:**

- איר קענט נישט באשטימען אייער דאקטאר אלס אייער העלטה קעיר אגענט, אויסער אויב אייער דאקטאר איז אייער מאן אדער ווייב, אדער אייער קרוב משפחה.

- איר קענט נישט באשטימען א פארוואלטער, אדמיניסטראטאר אדער איינגעשטעלטער פון דעם שפיטאל אדער נוירסינג היים וואו איר זענט ׳אדמיטעד׳ (admitted), אויסער אויב זיי זענען א קרוב משפחה אדער איר האט זיי באשטימט בעפאר איר זענט געווארן ׳אדמיטעד׳ (admitted).

## טריט נומער 3: באשטימט אן ׳אלטערנעט׳ (Alternate) העלטה קעיר אגענט אלס אייער שטעל-פארטרעטער אגענט

דער ׳העלטה קעיר פראקסי׳ פאָרם גיט אייך די ברירה צו באשטימען אן ׳אלטערנעט׳ (alternate) אגענט. אייער ׳אלטערנעט׳ (alternate) קען איבער נעמען די אויפגאבע פון אייער ערשטן אויסוואל נאר אויב:

- איר שרייבט ארויס ספעציפיש די אומשטענדן אונטער וועלכע איר ווילט אז אייער ׳אלטערנעט׳ (alternate) אגענט זאל איבערנעמען פונעם ערשטן אגענט. למשל, אויב איר ווילט אז אייער ׳אלטערנעט׳ (alternate) זאל סערווירן אויב אייער ערשטער אויסוואהל ציעט זיך ארויס פון די סטעיט ־ דאן זאלט איר דאס אנצייכענען אין אייער ׳העלטה קעיר פראקסי׳.

- אייער דאקטאר ערקלערט שריפטליך אז אייער ערשטער אויסוואהל אלס העלטה קעיר אגענט איז נישט צום-האבן, איז אומווויליג אדער אומפעאיג צו נעמען שריט ווען עס פעלט אויס.

- א געריכט טוט דיס-קוואליפיצירן אייער ערשטן אגענט.

## טריט נומער 4: שרייב אונטער אייער ׳העלטה קעיר פראקסי״ פאָרם

צוויי עדות מוזן צו-זעהן ווי איר שרייבט אונטער אייער ׳העלטה קעיר פראקסי״ פאָרם, און זאגן אז איר האט אויסגעקוקט ווי איינער וואס שרייבט עס אונטער פון אייגענעם ווילן. נישט אייער אגענט און נישט אייער ׳אלטערנעט׳ (alternate) אגענט קענען דינען אלס עדות. עס פאדערט זיך נישט אז איר זאלט ׳נאָטאַרייזירן (notarize) דעם פאָרם.

דער סטאנדארד ׳העלטה קעיר פראקסי״ פאָרם וואס איז באשטעטיגט דורכ׳ן ניו יארק געזעץ, האט סעקשאנס וועלכע מוזן אויסגעפילט ווערן כדי אז אייער פראקסי זאל זיין גילטיג. דער פאָרם האט אויך ׳אפשאנעל׳ (״optional״) סעקשאנס וועלכע איר האט די ברירה יא אדער נישט אויסצופילן.

## מאכט זיכער אז אייער ׳העלטה קעיר פראקסי״ פארם קומט נאך די מינימאלע פאדערונגען.

**די מינימאלע סטעיט פאדערונגען גילטיג צו מאכן אייער ׳העלטה קעיר פראקסי״ פאָרם, זענען:**

- אייער נאמען אלס דער ׳פרינציפאל׳ (Principal) וועלכער שאפט די ׳פראקסי״.
- דער נאמען פון אייער העלטה קעיר אגענט.
- אייער ערקלערונג אז איר האלט דערביי צו באשטימען אז אייער אגענט זאל האבן די אויטאריטעט צו מאכן העלטה קעיר באשלוסן אין אייער נאמען.
- איר מוזט אונטערשרייבן און דאטירן אייער אונטערשריפט בשעת די עדות זענען אנוועזנד. אויב איר זענט נישט פעאיג אונטער צו שרייבן אייער ׳פראקסי״ דעמאלט קען אן אנדערער ערוואקסענער מענטש דאס אונטערשרייבן לויט אייער פארלאנג.
- א געריכט טוט דיקס-קוואליפיצירן אייער אגענט
- צוויי עדות מוזן אונטערשרייבן און דאטירן זייערע אונטערשריפטן, און ערקלערן אז איר (דער ׳פרינציפאל׳ Principal) זעהט אויס צו האבן אונטער געשריבן די ׳פראקסי״ פון אייגענעם ווילן. נישט אייער אגענט און נישט אייער ׳אלטערנעט׳ (alternate) אגענט קענען דינען אלס עדות.

**סעקשאנס אינעם ׳העלטה קעיר פראקסי״ פאָרם וואס מוזן נישט אויסגעפילט ווערן**

- אן ערקלערונג איבער אייערע באהאנדלונג וואונטשן, אדער צוימונגען פון אייער אגענט׳ס אויטאריטעט.

„

**א ׳ליווינג וויל׳ (Living Will) ערלויבט אייך איבער צו לאזן שריפטליכע אנווייזונגען וואס טוען אויפקלערן אייערע העלטה קעיר וואונטשן, הויפטזעכליך וואס אנבאלאנגט ענדע-פון-לעבן באהאנדלונג.**

למשל, איר האט די ברירה צו ערקלערן אז איר האט געזאגט פאר אייער אגענט וואס אייער ווילט איז איבער אומנאטורליכע ערנערונג (artificial nutrition) און אנטרונקן [׳היידרעישאן׳] (hydration), (עסן אדער וואסער).

- דאס באשטימען אן ׳אלטערנעט׳ אגענט (alternate agent).
- אן ערקלערונג וואס אייער ווונטש איז איבער מנדב זיין אברים (organs) און/אדער ׳טישו׳ (tissue)?
- אויב איר ווילט אז אייער ׳העלטה קעיר פראקסי׳ זאלן אפלויפן [׳עקספיירן׳] (expire) אין א געוויסן דאטום, און ווען, אדער א שילדערונג וועלכע אומשטענדן זאלן צושטאנד ברענגן אזא אפלויף [׳עקספיירעישן׳] (expiration).

# א ׳לעבעדיגע צוואה׳ [ליווינג וויל] (Living Will)

עס איז נישט פארהאן א סטאנדארד ׳ליווינג וויל׳ פאָרם. איר קענט דאונלאודן א ׳ליווינג וויל׳ פאָרם אומזיסט פון **caringinfo.org**

כאטש ניו יארק האט דערוויל נישט קיין געזעץ וואס רעגירט אויף ׳לעבעדיגע צוואות׳ [ליווינג ווילס] (Living Wills), האט אבער דער קאורט אוו אפיעלס, ניו יארק׳ס העכעסטע געריכט, ערקלערט אז ׳לעבעדיגע צוואות׳ [ליווינג ווילס] (Living Wills) זענען גילטיג ווילאנג עס שטעלט צו ״קלארע און איבערצייגענדע״ באווייזן פון אייערע ווונטשן.[4] אויב איר זענט פון 18 יאר אלט און עלטער, קענט איר אויסדריקן אייערע ווונטשן איבער אייער העלטה קעיר דורכן אונטערשרייבן א ׳לעבעדיגע צוואה׳ [ליווינג וויל] (Living Will).

דא אונטן זענען אויסגערעכנט געוויסע זאכן וואס צו נעמען אין באטראכט ביים פלאנירן און אונטער שרייבן אייער ׳לעבעדיגע צוואה׳ [ליווינג וויל׳] (Living Will).

## טריט נומער 1: פארשטייט די אויטאריטעט פון אייער ׳ליווינג וויל׳ (Living Will)

א ׳ליווינג וויל׳ (Living Will) איז א שריפטליכע אויפקלערונג פון אייערע העלטה קעיר ווונטשן. אין אייער ׳ליווינג וויל׳ (Living Will) קענט איר איבער לאזן ספעציפישע אנווייזונגען איבער מעדעצינישע באהאנדלונג וואס איר ווילט מעגליך יא אדער נישט ווען איר זענט מער נישט פעאיג צו מאכן אייערע אייגענע באשלוסן. א ׳ליווינג וויל׳ (Living Will) דינט ווי א באווייז וואס אייערע ווונטשן זענען.

## טריט נומער 2: שרייבט אייער ׳ליווינג וויל׳

• איר קענט נוצן א ׳ליווינג וויל׳ אראפ צו שרייבן אייערע וואונטשן וואס אנבאלאנגט באהאנדלונג ביים ענדע-פון-לעבן. איר קענט שילדערן וואס זענען געוויסע מעדעצינישע מצבים אין וועלכן איר וואלט אדער אקצעפטירט אדער אנטזאגט מעדעצינישע באהאנדלונג. איר קענט אנצייגן ספעציפיש וועלכע סארט באהאנדלונג איר וואלט מעגליך יא אדער נישט געוואלט באקומען.

למשל, אויב איר וואלט געוואלט געהאלטן ווערן ביים לעבן דורך א באקומען עסן דורך א ׳טוב׳ (tube) אדער דורך ׳אינטערוועינעס׳ (intravenous), אויב איר זענט אומהיילבאר-טויטליך קראנק [׳טערמינעלי איללי׳ (terminally ill)], אדער זענט אין א קאמע (comatose) און עס איז נישט פארהאן קיין האפענונג אז איר וועט זיך ערהוילן דערפון.

• איר קענט מעגליך זיך וועלן באראטן מיט אן אדוואקאט אויב איר ווילט אדרעסירן אזעלכע זאכן וואס זענען נישט אויסגערעכנט אינעם פאָרם וואס קומט צוזאמען מיט דעם וועג-ווייזער ־ ווי למשל אויב איר ווילט אזא מעדעצינישע באהאנדלונג ווי סי.פי.אר. (CPR), ׳בלוט טראנספיוזשן׳ס׳ (blood transfusions), און ׳דייאליסיס׳ (dialysis), אדער אויב איר ווילט מען זאל אייך אויפהאלטן ביים לעבן פאר א קורצע צייט דורך מאשינען, אויב עס איז וויכטיג צו קענען אוועק שענקן אן אבר (organ donor). אן אייגן-צוזאמגעשטעלטע ׳קאסטום טעילאר׳ד׳ (custom-tailored) ׳ליווינג וויל׳ קען העלפן קלאר מאכן אייער קעגנערשאפט צו באקומען מעדעצינישע באהאנדלונג וואס איר ווילט נישט.

• אויב איר האט פראגעס, שמועסט עס אדורך מיט אייער דאקטאר, א פאציענט פארשטייער אין א שפיטאל, אדער מיט אן אדוואקאט.

## טריט נומער 3: שרייב אונטער אייער ׳ליווינג וויל׳

די בעסטע זאך איז צו האבן צוויי עדות וואס זאלן צו-זעהן ווי איר שרייבט אונטער די ׳ליווינג וויל׳, און זיי זאלן דאן אונטערשרייבן אן ערקלערונג אויפן פאָרם, אז איר האט זיי אויסגעזעהן ווי איר שרייבט אונטער פון אייגענעם ווילן. אויב ס׳איז אייך מעגליך, זאלט איר זעהן אז דער פאָרם זאל ווערן ׳נאטארייזירט׳ (notarized), כדי עס זאל ווערן אנערקענט אין אזעלכע סטעיט׳ס ווי ס׳פארלאנגט זיך עס זאל זיין נאטארייזירט (notarized).

אפגעזעהן וואסערע ׳ליווינג וויל׳ פאָרם איר וועהלט אויס, **מאכט זיכער אז איר קומט נאך די מינימאלע פאדערונגען וואס פארלאנגט זיך פאר א ׳ליווינג וויל׳:**

• אייער נאמען, אלס דער מענטש וואס שאפט די ׳ליווינג וויל׳;

• דעם דאטום ווען איר האט געשאפן אייער ׳ליווינג וויל׳;

• אייער ערקלערונג וואס אנבאלאנגט אייער פערזענליכע העלטה קעיר וואונטשן;

• אייער אונטערשריפט;

• צוויי עדות׳ אונטערשריפטן און דאטום׳ס, און ערקלערונגען פון די עדות אז איר האט אויסגעזעהן ווי איר שרייבט אונטער דעם דאקומענט פון אייגענעם ווילן.

# דער חילוק צווישן א ׳ליווינג וויל׳ און א ׳העלטה קעיר פראקסי׳

כאטש אז ביידע, סיי א ׳העלטה קעיר פראקסי׳ און סיי א ׳ליווינג וויל׳ זענען פאראויס׳דיגע אנווייזונגען [עדוועגס דיירעקטיווס] (advance directives), זענען זיי אבער נישט די זעלבע זאך.

## ׳ליווינג וויל׳

א ׳ליווינג וויל׳ (Living Will) איז א דאקומענט וואס אנטהאלט אייערע העלטה קעיר וואונטשן און עס איז אדרעסירט צו פאמיליע, פריינט, שפיטעלער און אנדערע העלטה קעיר אנשטאלטן וואס ווערן נישט אנגערופן ביים נאמען. איר קענט נוצן א ׳ליווינג וויל׳ ארויס צו שרייבן ספעציפיש אייערע וואונטשן וואס אנבאלאנגט פראצעדורן וואס פארלענגערן דאס לעבן (life-prolonging procedures), און אנדערע ענדע-פון-לעבן (end-of-life) באהאנדלונג, כדי אז אייערע ספעציפישע אנווייזונגען זאלן קענען געלייענט ווערן דורך אייערע ׳באהאנדלונג געבער׳ס׳ [קעיר גיווערס] (caregivers), ווען איר זענט אומפעאיג צו קאמוניקירן אייערע וואונטשן.

*vs.*

## ׳העלטה קעיר פראקסי׳

א ׳העלטה קעיר פראקסי׳ (Health Care Proxy) איז א דאקומענט וואס ערלויבט אייך צו באשטימען אן אנדערן מענטש(ן) אלס אייער העלטה קעיר אגענט, צו מאכן העלטה קעיר באשלוסן אין אייער נאמען ווען איר זענט שוין מער נישט פעאיג דאס צו טאן אליין. איר קענט געבן פאר אייער העלטה קעיר אגענט די אויטאריטעט צו מאכן באשלוסן פאר אייך אין אלע מעדעצינישע מצבים, אויב איר קענט נישט רעדן פאר זיך אליין. ממילא, אפילו אין מעדעצינישע מצבים וואס איר האט נישט פאראויס געזעהן, קען אייער אגענט מאכן באשלוסן און פארזיכערן אז איר ווערט באהאנדלט אין איינקלאנג מיט אייערע וואונטשן, ווערדן (values) און איבערצייגונגען (beliefs).

- האב איך די ברירה אונטער צו שרייבן ביידע, סיי א ׳ליווינג וויל׳ און סיי א ׳העלטה קעיר פראקסי׳?

**יא.** איר האט די רעכט צו שאפן ביידע, סיי א ׳ליווינג וויל׳ און סיי א ׳העלטה קעיר פראקסי׳, כדי איבער צו לאזן ספעציפישע שריפטליכע מעדעצינישע אנווייזונגען, און צו באשטימען א העלטה קעיר אגענט דאס אויסצופירן. אייער העלטה קעיר אגענט קען זיך פארלאזן אויף אייערע אנווייזונגען אלס א וועג-ווייזער צו מאכן אזעלכע באשלוסן וועלכע טוען רעפלעקטירן אייערע וואונטשן.

# ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ [דא נאט ריסאסוטעיט ארדער] (DNR)

לויטן ניו יארק געזעץ, איז א ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order) א באפעל פונעם דאקטאר וואס פאראדערט מעדעצינישע פראפעשאנל׳ס נישט צו מאכן סי.פי.אר. [׳קארדיאפולמאנארי ריסאסוטעישאן׳ (cardiopulmonary resuscitation) צוריק אנהייבן אייער הארץ אדער לונגן ווען אייער הארץ-קלאפן אדער אטעמען שטעלן זיך אפ. [5] דאס מיינט אז דאקטוירים, נוירסעס, אדער עמוירדזשענסי ארבייטער (למשל ׳פאראמעדיקס׳) וועלן נישט אנהייבן אזעלכע עמוירדזשענסי פראצעדורן ווי למשל מויל-צו-מויל [׳מאוטה-טו-מאוטה׳] (mouth-to-mouth) ווידער אויפלעבונג, ׳עקסטוירנל טשעסט קאמפרעשאן (external chest compression), עלעקטעריק שאק (electric shock), דאס אריין שטעלן א ׳טוב׳ (tube) כדי אויפצומאכן אייער לופט-וועג, אדער דאס אריין פליסן מעדיקאמענטן אינעווייניג אין אייער הארץ אדער אפענע ברוסט-קאסטן. איר קענט מעגליך באקאנט מאכן אייערע שפיטאל (DNR) וואונטשן דורך אייער ׳העלטה קעיר פראקסי׳, ׳ליווינג וויל׳ אדער א סטעיט-באשטעטיגטע ׳מאלסט׳ (MOLST) פאָרם.

אין ניו יארק, קען סיי וועלכער ערוואקסענער מענטשן פון 18 יאר און העכער באקומען א שפיטאל אדער א נאן-שפיטאל ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order). א שפיטאל-׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order) ווערט ארויס געגעבן אויב איר זענט אין א העלטה קעיר אנשטאלט אזוי ווי א שפיטאל, נוירסינג הוים, אדער ׳מענטאל העלטה היידזשין׳ אנשטאלט וואס איז גע׳לייסענסד׳ דורך ניו יארק סטעיט. עמוירדזשענסי ארבייטער [׳עמוירדזשענסי פערסאנעלל׳ (Emergency personnel) EMS, מוזן רעספעקטירן אייער שפיטאל-׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order) דורכאויס אייער טראנספער. אבער, אויב איר זענט אינדערויסן פון די אלע סארט אנשטאלטן, למשל אינדערהיים, קענט איר וועלן באקומען א נאן-שפיטאל-׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order). אייער שפיטאל-׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order) מוז רעקארדירט ווערן אויף א סטעיט-ספעציפישע פאָרם [DOH- 3474], און ווערן אונטערגעשריבן דורך א דאקטאר.

## געבן צושטימונג פאר א ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order)

אויב איר האט די מעגליכקייט צו מאכן באשלוסן פאר זיך אליין, קענט איר געבן אייער צושטימונג פאר א ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order) מינדליך אדער שריפטליך. אויב איר האט נישט די מעגליכקייט צו מאכן באשלוסן פאר זיך אליין, דעמאלט קען אייער העלטה קעיר אגענט צושטימען אין אייער נאמען.

**ליסטע פאר א גילטיגע שפיטאל-׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order):**

- איר, אדער אייער העלטה קעיר אגענט, אדער א ׳סאראגעיט׳ (surrogate) קענען געבן שריפטליכע אדער מינדליכע צושטימונג פאר אייער שפיטאל-׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order).
- מינדליכע צושטימונג מוז האבן די עדות׳שאפט פון צוויי ערוואקסענע מענטשן, וואס איינע פון זיי מוז זיין א דאקטאר אינעם אנשטאלט וואו איר זענט ׳אדמיטעד׳ (admitted).
- שריפטליכע צושטימונג מוז זיין אונטער געשריבן דורך צוויי ערוואקסענע מענטשן אלס עדות.
- אייער דאקטאר קען ארויס געבן אייער ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order). ניו יארק סטעיט פאדערט נישט אז אייער שריפטליכע אדער מינדליכע צושטימונג זאל זיין רעקארדירט אויף א סטעיט-פאָרם. אנשטאלאטן קענען נוצן זייערע אייגענע פארם׳ס, אדער די סטעיט-ספעציפירטע ׳מאלסט׳ (MOLST) פארם.

**ליסטע פאר א גילטיגע נאן-שפיטאל-'באפעל נישט אויפצולעבן (DNR Order):**

- איר, אדער אייער העלטה קעיר אגענט, אדער א 'סאראגעיט' (surrogate) קענען געבן שריפטליכע אדער מינדליכע צושטימונג פאר אייער נאן-שפיטאל-'באפעל נישט אויפצולעבן' (DNR Order). [6]

- אויב איר באקומט אייער 'באפעל נישט אויפצולעבן' (DNR Order) בעפאר באפרייען ['דיסטשארזש'] (discharge) פון שפיטאל, קען מינדליכע צושטימונג געגעבן ווערן פאר אייער 'אטענדינג' (attending) דאקטאר אדער צוויי ערוואקסענע עדות, וואס איינע פון זיי מוז זיין א דאקטאר אינעם אנשטאלט וואו איר זענט 'אדמיטעד' (admitted).

- אויב איר זענט אינדערויסן פון שפיטאל, למשל איר זענט אינדערהיים, וועט זיין גענוג צו געבן מינדליכע צושטימונג פאר אייער 'אטענדינג' (attending) דאקטאר.

- אויב איר גיט אייער צושטימונג שריפטליך, מוז עס ווערן אונטער געשריבן דורך צוויי ערוואקסענע עדות.

- שריפטליכע אדער מינדליכע צושטימונג מוז ווערן רעקארדירט אויף ניו יארק סטעיט פאָרם DOH3474, און ווערן אונטער געשריבן דורך אייער דאקטאר. דער פאָרם איז צום-האבן אויף **health.ny.gov/professionals/patients/patient_rights**

# מעדעצינישע באפעלן וועגן לעבנס-פארלענגערן באהאנדלונג, ['מעדיקל ארדערס פאר לייף סוסטעינינג טריעטמענט'] (Medical Orders (for Life Sustaining Treatment), (MOLST

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלטה האט באשטעטיגט די מעדעצינישע באפעלן וועגן לעבנס-פארלענגערן באהאנדלונג, ['מעדיקל ארדערס פאר לייף סוסטעינינג טריעטמענט'] (Medical Orders for Life Sustaining Treatment), (MOLST פאָרם. דער פאָרם ערלויבט פאר דאקטוירים צו רעקארדירן אייער פארצוג וואס אנבאלאנגט 'סי.פי.אר.' [קארדיאפולמאנארי ריסאסוטעישאן] (CPR), מעכאנישע אינטערווענץ, און אנדערע לעבנס-פארלענגערן באהאנדלונגען אויף איין פאָרם, אלס א באפעל פון א דאקטאר. עס מוז אויסגעפילט ווערן דורך א העלטה קעיר פראפעשאנעל און אונטערגעשריבן ווערן דורך א דאקטאר וואס באזיצט לייסענס פון ניו יארק סטעיט, כדי עס זאל זיין גילטיג.

א גילטיגע MOLST פאָרם דינט ווי א "דאקטאר'ס פאראדענונג פאָרם" און עס קען טראנספערירט ווערן אינאיינעם מיט אייך פון איין העלטה קעיר פלאץ צו די אנדערע. א סעמפל MOLST פאָרם איז צום-האבן אויף **health.ny.gov/forms/doh-5003.pdf.**

געדענקט, כאטש אז דער MOLST פאָרם קען העלפן צענטראליזירן אייערע ענדע-פון-לעבן (end-of-life) וואונטשן און זיין א קיצור פון אייער 'פאראויס'דיגע אנווייזונגען' [עדוועגס דירעקטיוו'ס] (advance directives), איז עס אבער נישט געצילט צו ערזעצן אייער 'העלטה קעיר פראקסי' פאָרם און/אדער 'ליווינג וויל'. MOLST פארוואנדלט אייערע יעצטיגע מעדעצינישע באהאנדלונג וואונטשן אין דאקטאר פאראדענונגען, - אבער אייער 'העלטה קעיר פראקסי' און/אדער 'ליווינג וויל' דינען אלס וועג-ווייזער פאר צוקונפטיגע מעדעצינישע באהאנדלונג.

# מאכן באקאנט אייערע ׳פאראויס׳דיגע אנווייזונגען׳ [עדוועגס דיירעקטיווס] (Advanced Directives)

## ׳העלטה קעיר פראקסי׳׳ און ׳ליווינג וויל׳

נאכן אונטער שרייבן אייער ׳העלטה קעיר פראקסי׳׳ אדער ׳ליווינג וויל׳, פאלגט אויס די פונקטן:

- מאכט עטליכע פאטא-קאפיעס פון די אויסגעפילטע פאָרם׳ס.
- האלט די ארגינעלע אין א פארזיכערט אבער צוגענגליך פלאץ (נישט א סעיף-דעפאזיט באקס). גיט קאפיעס פאר אייער העלטה קעיר אגענט, ׳אלטערנעט׳ אגענט, אייער אדוואקאט אדער אן אנדערע ראטגעבר, נאענטע פאמיליע מיטגלידער, דאקטוירים, און סיי וועמען איר טראכט צו מאכן פארמישט אין אייער העלטה קעיר.
- לויטן ניו יארק געזעץ, מוז סיי וועלכער דאקטאר וואס האט באקומען א ׳העלטה קעיר פראקסי׳׳ פאָרם, אראנזשירן אז א קאפי דערפון זאל אריין געלייגט ווערן אין אייער מעדעצינישן רעקארד.
- נעמט אין באטראכט צו טראגן מיט זיך אין בערזל א קארטל מיט אינפארמאציע איבער די עקזיסטענץ און פלאץ פון אייער ׳העלטה קעיר פראקסי׳׳ אדער א ׳ליווינג וויל׳.

## ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Orders)

א שפיטאל-׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order) איז רעקארדירט אין אייער מעדעצינישע טשארט. א נאן-שפיטאל-׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order) מוז זיין רעקארדירט אויף א סטעיט-ספעציפירטע פאָרם. איר קענט אויך נעמען אין באטראכט צו גיין מיט אDNR האנט-באנד (DNR Bracelet).

פאר מער אינפארמאציע איבער DNR ׳ס, פאָרם 3474-DOH, אדער א DNR Bracelet, באזוכט ביי:
**health.ny.gov/professionals/ems/ htm.02-policy/11**

אדער ביי אייער לאקאלע DOH EMS אפיס, אדער העלטה דעפארטמענט.

צו זעהן א קאפיע פון פאָרם 3474-DOH, באזוכט ביי:

**health.ny.gov/forms/doh-3474.pdf**

# וואס איז אויב איר האט נישט קיין ׳פאראויס׳דיגע אנווייזונג׳ [עדוועגס דייִרעקטיוו (advance directive)

אויב איר האט פארלוירן די פעאיגקייט צו מאכן באשלוסן איבער אייער מעדעצינישע באהאנדלונג, און איר האט נישט באשטימט קיין העלטה קעיר אגענט, דעמאלט קען א מענטש וואס איז נאענט צו אייך מאכן באשלוסן אין אייער נאמען. אין יאר 2010 האט די ניו יארק לעגיסלאטור דורכגעפירט די ׳פעמילי העלטה קעיר דיסיזשאנס׳ געזעץ (Family Health Care Decisions Act) (FHCDA),[7] וואס ערלויבט פאר פאמיליע מיטגלידער און פאר אנדערע וואס זענען נאענט מיט אייך צו מאכן באשלוסן וואס אנבאלאנגט מעדעצינישע באהאנדלונג אין איינקלאנג מיט אייערע וואונטשן, אדער - אויב אייערע וואונטשן זענען נישט באקאנט - מיט אייערע בעסטע אינטערעסן. דער ״סאראגעיט״ (“surrogate”) באשלוס מאכער וועט אויך זיין ערלויבט צו באפעלן מען זאל אפשטעלן באהאנדלונגען וואס פארלענגערן דאס לעבן (life-sustaining), (אריין גערעכנט צו געבן צושטימונג פאר א ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR order)).

דער בעסטער וועג צו פארזיכערן אז אייערע ספעציפישע וואונטשן ווערן אויסגעפאלגט איז אויס צו וועהלן א ׳העלטה קעיר פראקסי״ און אויסצופילן א ׳ליווינג וויל׳, לויט ווי געשילדערט אין דעם ביכל. אויב טוט איר דאס נישט, וועט איר נישט קענען קאנטראלירן וויאזוי איר באקומט באהאנדלונג אין די צייט וואס איר זענט אומפעאיג צו מאכן א באשלוס.

# באשטימען א ׳סאראגעיט׳ (Surrogate)

אויב איר ווערט ערקלערט אלס אומפעאיג צו מאכן מעדעצינישע באשלוסן און איר האט נישט קיין ׳העלטה קעיר פראקסי׳, דעמאלט טוט דער FHCDA געזעץ פארשרייבן אז א ״סאראגעיט״ (“surrogate”) באשלוס מאכער זאל באשטימט ווערן צו מאכן באשלוסן פאר אייך, ווי באצייכנט אינעם ניו יארקער געזעץ.

דער געזעץ באשטימט א פריאריזירטע ליסט לויט קאטעגאריע פון מענטשן וואס קענען דינען אלס ׳סאראגעיט׳ (surrogate) באשלוס מאכער פאר א מענטש וואס איז אומפעאיג דאס צו טאן אליין. דער ׳סאראגעיט׳ (surrogate) קען זיין, אינעם פאלגענדן סדר פון פריאריטעט, א געריכט-באשטימטער ׳גארדיען׳ (guardian), דער מאן אדער די ווייב, א קינד (פון 18 יאר אדער העכער), א טאטע אדער א מאמע, א ברודער אדער א שוועסטער (פון 18 יאר אדער העכער), אדער א נאענטער פריינט.[8] דער מענטש קען אויך באשטימען א מענטש וואס איז אויף א נידריגערע פריאריטעט צו דינען אלס ׳סאראגעיט׳ (surrogate), אויב מען נעמט אן אז קיינער מיט א העכערע פריאריטעט קען נישט נעמען די ראלע. למשל, אויב איר האט נישט קיין ׳ארטיקל 81 גארדיען׳ (guardian 81 Article), און אייער מאן אדער ווייב איז נישט וויליג צו דינען אין די ראלע, דעמאלט וועט אייער ערוואקסען קינד זיין אייער ׳סאראגעיט׳ (surrogate). אייער ערוואקסען קינד קען אויך באשטימען אייער וויליגער טאטע אדער מאמע אלס ׳סאראגעיט׳ (surrogate).

**אDNR האנט-באנד**
**(DNR Bracelet)**

אDNR האנט-באנד (DNR Bracelet) קען מען טראגן נאר אויב א נאן-שפיטאל-׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ איז ארויס געגעבן געווארן פאר אייך, נוצענדיג פ אָרם DOH3474. דאס געזעץ פאדערט פון עמוירדזשענסי מעדיקל פערסאנעל וועלכע זעהן א סטאנדארדDNR האנט-באנד (DNR Bracelet) אויף אייך, אז זיי זאלן אויספאלגן דעם באפעל.

# באשלוסן וואס א ׳סאראגעיט׳ (Surrogate) קען מאכן

דער ׳סאראגעיט׳ האט די אויטאריטעט צו מאכן אלע העלטה קעיר באשלוסן וואס דער פאציענט וואלט געוועהן פעאיג צו מאכן בעפאר דער פאציענט איז געווארן אומבארירליך (incapacitated).[9] דער ׳סאראגעיט׳ (surrogate) איז פארפליכטעט אויס צו פאלגן רעליגיעזע אדער מאראלישע איבערצייגונגען, אויב עס איז באקאנט. אויב די דאזיגע איבערצייגונגען זענען נישט באקאנט, דעמאלט מוז דער ׳סאראגעיט׳ (surrogate) מאכן באשלוסן וואס וועלן זיין אינעם פאציענט׳ס בעסטע אינטערעסן.[10] ׳סאראגעיט׳ס׳ (Surrogates) זענען בארעכטיגט צו האבן צוטריט צו אייערע מעדעצינישע רעקארדס כדי צו קענען מאכן באשלוסן אין אייער נאמען. זיי קענען אויך אפיר זוכן אינפארמאציע פון אייער דאקטאר איבער אייער מצב און באהאנדלונג ברירות כדי צו קענען מאכן די מערסטענס-אינפארמירטע מעדעצינישע באשלוסן.[11]

# באשלוסן אפצושטעלן באהאנדלונג וואס פארלענגערט דאס לעבן (Life-Sustaining Treatment)

אויב איר האט געמאכט א באשלוס אפצושטעלן באהאנדלונג וואס פארלענגערט דאס לעבן בעפאר׳ן ווערן אומבארירליך (incapacitated), דעמאלט דארף אייער דאקטאר נישט ערהאלטן ערלויבעניש אדער ידיעה פון אייער ׳סאראגעיט׳ (surrogate) בעפאר׳ן אויספאלגן די דאזיגע פאראָרדענונגען. אויב אייער דאקטאר האט אויסגעפאלגט די פאראָרדענונגען בעפאר אייער ׳סאראגעיט׳ (surrogate) איז באשטימט געווארן, דעמאלט דארף ער אדער זי בלויז דאקומענטירן די שריט אין אייער מעדעצינישן רעקארד. אויב אייער דאקטאר האלט ביים אויספאלגן דעם באשלוס נאכדעם וואס א ׳סאראגעיט׳ (surrogate) איז באשטימט געווארן, קען אייער דאקטאר אויספאלגן דעם באפעל אן די ערלויבעניש פון דעם ׳סאראגעיט׳ (surrogate), אבער דער דאקטאר מוז אינפארמירן אדער פרובירן צו אינפארמירן דעם ׳סאראגעיט׳ (surrogate) פון דעם באשלוס.[12]

דאס געזעץ פארזיכערט אז באהאנדלונג וואס פארלענגערט דאס לעבן וועט נישט צוריק געהאלטן אדער אפגעשטעלט ווערן פון אייך אן ערנסטע באטראכטונגען. למשל, עס מוז געמאכט ווערן א באשטימונג [׳פיינדינג׳ (finding)] אז באהאנדלונג וועט זיין אן איבערגעוועלדיגער עול אויף אייך, און אן ׳אטענדינג׳ (attending) דאקטאר אינאיינעם מיט נאך א דאקטאר מוזן זיין איינשטימיג דערמיט אז עס איז א מעדעצינישע זיכערקייט ביז צו א ׳ריזאנעבל׳ מאס (reasonable degree). אנדערע פאדערונגען טוען איינשליסן א באשטימונג [׳פיינדינג׳ (finding)] אז איר האט א קרענק אדער וואונד וואס קען ערווארטעט ווערן צו פירן צום טויט אין פארלויף פון זעקס מאנאטן, אפגעזעהן צי מען טוט אייך יא אדער נישט באהאנדלן; אדער אז איר זענט אויף אייביג אומבאוואוסטזיניג [׳פערמאנענטלי אנקאנטשעשנס׳ (permanently unconscious)]; אדער אז באהאנדלונג וועט פירן צו אזויפיל יסורים און ליידן אס עס קען נארמאלערהייט [׳ריזאנעבליי׳ (reasonably)] ווערן באטראכט אלס אוממענטשליך אדער איבערגעוועלדיגט נישט-צום-דערהייבן (extraordinarily burdensome), און אז איר ליידט פון אן אומהיילבארן מצב וואס קען נישט איבער געדרייט ווערן (irreversible).[13]

## פאציענט קעגנערשאפט

אלס דער פאציענט, קענט איר זיך אקעגן שטעלן:

- די באשטימונג אז איר זענט אומבארירליך (incapacity);
- דער אויסוואהל פון א 'סאראגעיט' (surrogate); און
- א העלטה קעיר באשלוס וואס איז געמאכט געווארן דורך אייער 'סאראגעיט' (surrogate).

אויב איר זענט נישט איינשטימיג מיט סיי וועלכע פון די פריער דערמאנטע באשטימונגען, וועט אייער באשטימונג אויסגעפאלגט ווערן דורך אייער דאקטאר. אבער, אויב א געריכט באשטימט אז איר האט נישט קיין פעאיגקייט (capacity), און - ווען גילטיג - דאס געריכט אויטאריזירט א געוויסע באהאנדלונג באשלוס, דעמאלט קענט איר נישט אנידערשטימען די באשטימונגען.

נאכמער, אויב עס איז פאראן א לעגאלע באזיס אנידער צו שטימען אייערע באשלוסן, וועט איר זיין אונטער געווארפן די באשלוסן וואס ווערן געמאכט דורך אייער 'סאראגעיט' (surrogate). [14]

”אויב דעם פאציענט'ס וואונטשן און איבערצייגונגען זענען נישט באקאנט, דעמאלט מוז דער 'סאראגעיט' (surrogate) מאכן באשלוסן וואס וועלן זיין אינעם פאציענט'ס בעסטע אינטערעסן

לויטן FHCDA געזעץ, טוען די ”אינטערעסן“ אריין נעמען אין חשבון א ”באטראכטונג פונעם כבוד און אייגענארטיגקייט פון יעדן פערזאן; די מעגליכקייט און די מאס [’עקסטענט‘] (extent) פון פרעזערווירן דאס לעבן פונעם פאציענט; די פרעזערוואציע, פארבעסערן און צוריק-שטעלן דעם פאציענט'ס געזונט אדער פונקציעס; דאס נאכלאזן פון דעם פאציענט'ס יסורים; און סיי וועלכע מעדעצינישער מצב און נאך אזעלכע אנדערע חשבונות און ווערדן (concerns and values) וואס א 'ריזאנעבל' (reasonable) פערזאן זייענדיג אין די אומשטענדן פונעם פאציענט וואלט געוואלט נעמען אין באטראכט.“

# דער חילוק צווישן א 'העלטה קעיר פראקסי" און א 'סאראגעיט' (Surrogate)

עס זענען פארהאן באדייטענדע חילקוים צווישן א 'העלטה קעיר פראקסי" און א 'סאראגעיט' (surrogate). איר זאלט פארזיכטיג באטראכטן די דיפערענצן און טראכטן איבער באשטימען א 'העלטה קעיר פראקסי" אנשטאט ערלויבן אז א 'סאראגעיט' (surrogate) זאל באשטימט ווערן.

| | Health Care Proxy | Surrogate |
|---|---|---|
| **ווער באשטימט זיי?** | איר - דורך א געהעריג אונטערגעשריבענע 'העלטה קעיר פראקסי" פאָרם | די 'פעמילי מעדיקל דיסיזשאנס' געזעץ באהויפטעט ווער עס קען דינען אלס א 'סאראגעיט' (surrogate) |
| **ווער קען דינען?** | סיי ווער וואס איז פון 18 יאר אלט און העכער | לויט'ן פאלגענדן פריאריטעט סדר: 'ארטיקל 81 גארידען'ס' (81 Article guardians), א מאן אדער א ווייב, קינדער (העכער 18 יאר), עלטערן, געשוויסטער (העכער 18 יאר), אדער נאענטע פריינט |
| **ווען מאכן זיי באשלוסן?** | ווען איר פארלירט פעאיגקייט (capacity) | ווען איר פארלירט פעאיגקייט (capacity) |
| **ווען הערן זיי אויף צו מאכן באשלוסן?** | ווען איר באקומט צוריק פעאיגקייט (capacity), ווען די באשטימונג לויפט אפ, אדער אונטער געוויסע אויסגערעכנטע אומשטענדן, לויט ווי עס איז אראפ געשריבן אינעם 'העלטה קעיר פראקסי" פאָרם | ווען איר באקומט צוריק די פעאיגקייט (capacity) |
| **וואס פאר א באשלוסן קענען זיי מאכן?** | סיי וועלכע באשלוס, אדער נאר אזעלכע וואס זענען ספעציפיש אראפ געשריבן אינעם 'פראקסי" פאָרם אדער 'ליווינג וויל' | סיי וועלכע באשלוס |
| **איז פאראן צוימונגען?** | איר קענט ספעציפיצירן געוויסע צוימונגען אינעם 'פראקסי" פאָרם | 'סאראגעיט'ס' (Surrogates) קענען מאכן נאר באשלוסן וואס זענען באזירט אויף אייערע רעליגיעזע אדער מאראלישע איבערצייגונגען, אדער - אויב דאס איז נישטא - אין אייערע בעסטע אינטערסן |

# אנולירן אייערע ׳פאראויס׳דיגע אנווייזונגען׳ [עדווענס דייערעקטיווס] (Advance Directives)

די ׳פאראויס׳דיגע אנווייזונגען׳ [עדווענס דייערעקטיוו] (advance directive) בלייבט אלעמאל אין קראפט, אויסער אויב איר טוט עס אנולירן, אדער אויב איר שרייבט אריין אן אפלויף (expiration) דאטום, אדער אויב איר שילדערט די אומשטענדן וואס טוען צושטאנד ברענגן אן אפלויף (expiration). איר קענט טוישן אדער אנולירן אייערע ׳פאראויס׳דיגע אנווייזונגען׳ [עדווענס דייערעקטיווס] (advance directives) סיי ווען איר ווילט. עס איז וויכטיג איבער צו קוקן פון צייט צו צייט די פאָרם׳ס וואס איר האט אונטערגעשריבן, זיכער צו מאכן אז די פאָרם׳ס דריקן אויס אייערע יעצטיגע העלטה קעיר וואונטשן.

- איר קענט אנולירן אייער ׳העלטה קעיר פראקסי׳ דורך איינמעלדן - מינדליך אדער שריפטליך - פאר אייערע העלטה קעיר אגענט, דאקטאר אדער אנדערע וואס האבן קאפיעס דערפון.

- איר קענט אנולירן די באשטימונג פונעם אגענט אויף אייער ׳העלטה קעיר פראקסי׳ סיי ווען איר ווילט, און באשטימען אן אנדערן אגענט אין א נייע ׳פראקסי׳.

- אויב אייער מאן אדער ווייב איז דער באשטימטער העלטה קעיר אגענט, דעמאלט ווערט אייער ׳העלטה קעיר פראקסי׳ אויטאמאטיש אנולירט אין פאל פון א גט.

- איר קענט אנולירן אייער ׳ליווינג וויל׳ סיי ווען איר ווילט, דורך פארניכטן דעם דאקומענט. איר מוזט קיינעם נישט איינמעלדן דערוועגן בעפאר׳ן אנולירן, אבער עס איז ראטזאם צו אינפארמירן די יעניגע וועלכע ווייסן פון איר עקזיסטענץ אז איר האט עס אנולירט.

# אנולירן אייער ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR)

אין אלגעמיין קענט איר אדער אייער העלטה קעיר אגענט אנולירן דעם ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order) סיי ווען איר ווילט, און אויף סיי וועלכן וועג וואס מאכט באקאנט אייער וואונטש. דאס קען זיין ווי פאלגענד:

- אייער מינדליכע אדער שריפטליכע ערקלערונג פאר א דאקטאר אדער נורס.

- אן אקט וואס איר האט געטאן וועלכע ווייזט אייער באגער צו אנולירן אייער צושטימונג, ווי למשל:

- פארניכטן דעם דאקומענט וואס רעפערירט צו דעם ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order).

- באזייטיגן די האנט-באנד אדער ׳מעדאליען׳ וואס באצייכענט אייער DNR סטאטוס.

- זאגן מינדליך פאר ׳עמוירדזשענסי רעספאנדערס׳ (emergency responders) זיך נישט צו-טאן מאכן פונעם באפעל

אבער א ׳סאראגעיט׳ (surrogate) קען אנולירן אייער ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order) דורך:

- א מינדליכע ערקלערונג פאר אייער ׳אטענדינג׳ (attending) דאקטאר אין די אנוועזנהייט פון אן ערוואקסענעם עדות; אדער
- א געשריבענע ערקלערונג פאר א דאקטאר אדער נוירס

יעדער דאקטאר וואס איז אינפארמירט איבער די אנולירונג פון א ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order) מוז זאפארט רעקארדירן די אנולירונג אין אייער טשארט און אינפארמירן דעם שטאב וואס איז פאראנטווארטליך פאר אייער באהאנדלונג. יעדע נוירס אדער אנדערע פראפעשאנאל וואס איז אינפארמירט איבער די אנולירונג פון א ׳באפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Order) מוז זאפארט אינפארמירן דעם דאקטאר.

# ספעציעלע אישוס

## וויאזוי ווערט אומבארירליכקייט (Incapacity) באשטימט

אין אלגעמיין נעמט מען אן אז אן ערוואקסענער פאציענט האט די פעאיגקייט צו מאכן מעדעצינישע באשלוסן. דאס מיינט אז איר וועט מאכן אייערע אייגענע העטה קעיר באשלוסן אזוי לאנג ווי אייער דאקטאר באשטימט, אלס א מעדעצינישע זיכערקייט ביז צו א ׳ריזאנעבל׳ מאס (reasonable degree), אז איר זענט אומפעאיג צו מאכן מעדעצינישע באשלוסן. די ארגינעלע באשטימונג מוז ווערן געמאכט דורך אן ׳אטענדינג׳ (attending) דאקטאר, און עס מוז אנטהאלטן אינפארמאציע איבער די ״סיבה (cause) און מאס (extent) פונעם פאציענט׳ס אומבארירליכקייט (incapacity), און די ווארשיינליכקייט צי דער פאציענט וועט אמאל צוריק באקומען זיין אדער איר פעאיגקייט צו מאכן באשלוסן.״ אונטער געוויסע אומשטענדן פאדערט דער ניו יארק געזעץ אז עס זאל געמאכט ווערן אן איינשטימיגע צוגאב (concurring) באשטימונג כדי צו ערקלערן א פאציענט אלס אומפעאיג (incapable) צו מאכן העלטה קעיר באשלוסן; א העלטה קעיר פארזארגער (provider) אדער א ׳סאשעל ווארקער׳ וואס איז אפיליאירט מיט דעם שפיטאל אדער נוירסינג אנשטאלט קען מאכן אזא צוגאב באשטימונג אנשטאט א דאקטאר. די צאל באשטימונגען וועט זיך ווענדן אין וואו איר געפינט זיך אלס א פאציענט, און וואסערע סארט באהאנדלונג עס פאדערט זיך. [15]

**אין פאל פון א גייסטישע קרענק אדער ׳דיסאביליטי״**

כאטש אז א יעדער מצב ׳קאנדישאן׳ (condition) קען פירן צו אומבארירליכקייט (incapacity), טוט אבער דער ניו יארק געזעץ אויסערכענען ספעציפישע פאדערונגען וואס פארלאנגט זיך צום באשטימען אומבארירליכקייט (incapacity) וואס פאסירט דורך א גייסטישע קרענק אדער דורך א ׳דעוועלאפמענטאל דיסאביליטי״ (developmental disability). די ארגינעלע באשטימונגען מוזן געמאכט ווערן דורך א דאקטאר וואס איז קוואליפיצירט צו ארבייטען מיט די סארט מענטשן, און קענען נישט געמאכט ווערן ביי א געווענליכן ׳אטענדינג׳ (attending) דאקטאר. דאס פארזיכערט אז מענטשן וואס האבן גייסטישע ׳דיסאביליטיס׳ (disabilities) ווערן נישט אומ׳נייטיג׳ערהייט בארויבט פון זייערע רעכטן צו מאכן מעדעצינישע באשלוסן פאר זיך זעלבסט. אויב איר האט א גייסטישע קרענק אדער ׳דיסאביליטי״ (disability), וועט איר נישט אויטאמאטיש ערקלערט ווערן אלס אומפעאיג (incapable) צו מאכן אייערע אייגענע מעדעצינישע באשלוסן. [16]

## זיך אפגעבן מיט יסורים

יסורים וואס לאזן נישט נאך קען האבן א טיפע ווירקונג אויף אייער פיזישען און גייסטישן וואוילזיין. אין ניו יארק האבן דאקטוירים אן עטישע, מאראלישע און געזעצליכע פליכט צו באהאנדלן יסורים אזוי ווירקזאם ווי נאר מעגליך. וויאויך, פאדערט זיך פון שפיטעלער, נויערסינג האומ׳ס, העלטה פלען׳ס, און האום קעיר אגענטורן וועלכע זענען ׳אקרעדיטעד׳ (accredited) דורך די ׳דזשוינט קאמישאן׳ (די געוועזענע ׳דזשוינט קאמישאן אן די אקרעדיטעישאן אוו העלטה קעיר ארגאניזעישאנס׳) Joint Commission on the Accreditation of Healthcare (Organizations or JCAHO צו האבן פראצעדורן אונטער וועלכע פאסיגע פארשרייבונג [׳פרעסקריפשאנס׳] (prescription) אדער באשטעלונג פון ווירקזאמע מעדעצינען קעגן יסורים. איר זאלט מאכן זיכער אז אייער דאקטאר איז גוט אינפארמירט איבער אייער שטאפל פון יסורים, און פארשטייט אייער וואונטש צו באקומען פאסיגע יסורים באהאנדלונג. דריקט אויס די נאטור און ערנסטקייט פון אייערע יסורים פאר אייער דאקטאר, כדי אז ער אדער זי זאלן לויט דעם קענען אפשאצן און אדרעסירן אייערע געברויכן. פארזיכערט אז אייער ׳ליווינג ווילי׳ אדער ׳העלטה קעיר פראקסי׳ מאכט קלאר אייערע וואונטשן וואס אנבאלאנגט זיך אפגעבן מיט יסורים. למשל, איר קענט וועלן ערקלערן אויב איר ווילט, אדער איר ווילט נישט, באקומען מעדעצינען קעגן יסורים אפילו אויב עס פארקירצט אייער לעבן.

## ׳האספייס׳ (Hospice) באהאנדלונג

׳האספייס׳ (Hospice) איז א פראגראם וואס קאנצענטרירט זיך אויף צו שטעלן גרונטליכע באהאנדלונג פאר מענטשן וואס זענען אומהיילבאר-טויטליך קראנק [׳טערמינלי איללי׳] (terminally ill), און פאר זייערע פאמיליעס. דער פראגראם שטעלט צו ׳פעליעיטיוו׳ (palliative) און ׳סופארטיוו׳ (supportive) באהאנדלונג נאכצוקומען די ספעציעלע געברויכן וואס מאכן זיך דורך די פיזישע, מענטאל, גייסטישע, סאציאלע און עקאנאמישע דרוק וואס מען מאכט מיט אין פארלויף פון די ענדגילטיגע פאזע פון קרענק, שטארבן און אבילות (bereavement). ׳האספייס׳ (Hospice) באהאנדלונג פראגראמען זענען רעגולירט אונטערן פעדעראלן און סטעיט געזעץ.[17]

אין ניו יארק סטעיט זענען פארהאן ארום פופציג סטעיט-סוירטיפייד ׳האספייס׳ (Hospice) באהאנדלונג פראגראמען. איר אדער אייער העלטה קעיר אגענט קענען אנצייגן א פארצוג איבער א ׳האספייס׳ פראגראם פון פאראויס, צו ערפילן אייערע געברויכן.

**׳האספייס׳ (Hospice) אינפארמאציע**

צו באקומען אינפארמאציע איבער ׳האספייס׳ (Hospice) פארזארגער און בענעפיטן, אדער אריין צו געבן אן אנקלאגע אקעגן א ׳האספייס׳ (Hospice) פארזארגער, רופט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלטה:

**1-800-628-5972**

אדער באזוכט זייער וועב-זייטל:

**health.ny.gov/facilities/hospice**

דא האט איר געוויסע פאקטארן צו באטראכטן וואס אנבאלאנגט ׳האספייס׳ באהאנדלונג:

- ׳האספייס׳ באהאנדלונג סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט דורך סטעיט-סוירטיפייד פראגראמען ווערן געווענליך געדעקט דורך אינשורעס, אזוי ווי מעדיקעיר, מעדיקעיד, און קאמערציעלע העלטה אינשורענס פלענער. אין אלגעמיין, איז ׳האספייס׳ באהאנדלונג א בענעפיט וואס ווערט געדעקט אויב איר האט אן אומהיילבארע-טויטליכע קרענק [׳טערמינאלי איללʼ] (terminally ill) מיט 6 מאנאטן אדער ווייניגער צום לעבן, און א דאקטאר האט ׳סוירטיפייד׳ אז ׳האספייס׳ באהאנדלונג איז פאסיג.
- אין ניו יארק האט איר די ברירה צו באקומען ׳האספייס׳ באהאנדלונג אויף א פלאץ וואו איר ווילט זיין, אזוי ווי למשל אייער היים, אין א שפיטאל, אדער אין א נוירסינג היים.
- אונטערן פעדעראלן און סטעיט געזעץ, מוז ׳האספייס׳ באהאנדלונג אדמיניסטרירט ווערן דורך א קאארדינירטע גרופע וועלכע קען אנטהאלטן אייער דאקטאר, די ׳האספייס׳ מעדיקל דירעקטאר, רעגיסטרירטע נוירסעס, סוירטיפייד האום העלטה געהילפן, לייסענס׳ד סאשל ווארקער׳ס, גלויביגע ראטגעבער [׳פעסטארל קאונסלערס׳] (pastoral counselors), אבילות ראטגעבער (bereavement counselors), רעהאביליטאציע טעראפיסטן און וואלונטירן וואס שטעלן צו ׳סופארט׳ מיט די טאג טעגליכע שוועריקייטן מיטן לעבן.

## ׳פעליעיטיוו׳ באהאנדלונג (Palliative Care): אייער רעכט צו זיין אינפארמירט

ניו יארקער אנשטאלטן אזוי ווי שפיטעלער און נוירסינג האום׳ס, מוזן אייך אינפארמירן בעפאר איר ווערט ׳אדמיטעד׳ (admitted) וואס אנבאלאנגט צי זיי וועלן יא אדער נישט קענען רעספעקטירן די באשלוסן וואס איר האט געמאכט לגבי אייערע פאראויס׳דיגע אנווייזונגען [׳עדווענס דירעקטיווס׳] (advanced directives). אויב איר זענט שוין ׳אדמיטעד׳ (admitted), פאדערט זיך פון זיי אייך צו טראנספערירן צו אן אנשטאלט וואס וועט עס יא רעספעקטירן.[18]

עס איז וויכטיג צו האבן און פארשטיין אינפארמאציע איבער אייער געזונט און מעדעצינישע באהאנדלונג ווען איר פלאנירט אייער העלטה קעיר פון פאראויס. ניו יארק׳ס ׳פעליעיטיוו קעיר אינפארמעישאן׳ געזעץ (Palliative Care Information Act (PCIA)), [19] וועלכע איז געווארן דאס געזעץ אין פעברואר 2011, איז דורכגעזעצט געווארן צו פארזיכערן אז פאציענטן זענען פולשטענדיג אינפארמירט פון אלע ברירות וואס זענען צום-האבן פאר זיי ווען זיי זענען אומבאארירליך-טויטליך קראנק [׳טערמינאלי איללʼ] (terminally ill), אדער ווען זיי האבן ״פארגעשריטענע מצבים אדער קרענק וואס באגרעניצן דאס לעבן״ ׳עדווענסד לייף לימיטינג קאנדישאנס אר איללנעסעס׳ (“advanced life limiting conditions or illnesses”).

דאס געזעץ פאדערט אז דעם פאציענט׳ס ׳אטענדינג׳ (attending) העלטה קעיר פארזארגער זאל אנבאטן צו צושטעלן פארן פאציענט אינפארמאציע און בארעטונגען וואס אנבאלאנגט ׳פעליעיטיוו קעיר׳ (palliative care) און ברירות לגבי ענדע-פון-לעבן (end-of-life). ווען דער פאציענט באזיצט נישט די פעאיגקייט (capacity) צו מאכן באשלוסן, דעמאלט ווערט די אינפארמאציע און בארעטונג צוגעשטעלט פארן פערזאן וואס האט די אויטאריטעט צו מאכן העלטה קעיר באשלוסן.

ניו יארק׳ס ׳פעליעיטיוו קעיר עקסעס׳ געזעץ (Palliative Care Access Act (PCAA)), וואס איז אין קראפט זייט סעפטעמבער פון יאר 2011, בויעט אויף די PCIA, צו פאדערן פון העלטה קעיר אנשטאלטן, האום קעיר אגענטורן, ׳אסיסטעד ליווינג׳ רעזידענצן, און אינדיווידועלע פראקטיציאנערן, אנצובאטן אינפארמאציע און באראטונג וואס אנבאלאנגט ענדע-פון-לעבן באהאנדלונג, און ארויס צו העלפן פאציענטן מיט צוטריט צו פאסיגע ׳פעליעיטיוו׳ (palliative) באהאנדלונג באראטונגען און סערוויסעס.[20]

# מנדב זיין איברים

אין ניו יארק קען יעדער מענטש פון 18 יאר אלט אדער עלטער וואס איז פעאיג צו מאכן באשלוסן, מנדב זיין סיי וועלכע אדער אלע טיילן פון זייער קערפער נאכן שטארבן, פאר סיי וועלכן שפיטאל, כירורג, דאקטאר, ׳אקרעדיטעד׳ מעדיקל שולע, ׳סטארעדזש פאסיליטי׳׳, ספעציפישער פערזאן אדער פאר אן איברים ׳פראקיורמענט׳ ארגאניזאציע (organ procurement organization). דאס געזעץ אין ניו יארק פארבאט מנדב צו איברים פאר געלט אדער פאר סיי וועלכע אנדערע ווערטפולע זאך.

איר האט די ברירה אויסצופילן אן ׳ארגאן/טישו דאנאר׳ (Organ/Tissue Donor) פאָרם, אדער ארויס צו שרייבן אייערע וואונטשן אין פארבינדונג מיט מנדב זיין איברים אין אייער ׳העלטה קעיר פראקסי׳ אדער ׳ליווינג וויל׳. אבער אויב איר שרייבט נישט ארויס אייערע וואונטשן, מיינט עס נישט אז איר וואונקט א וואונטש נישט מנדב צו זיין. אייער אגענט איז אויטאריזירט צו געבן צושטימונג מנדב צו זיין אן אבר אדער טישו, אויסער אויב ער אדער זי האט באקומען א קעגנערשאפט מעלדונג, אדער האט א סיבה צו האלטן אז אזא נדבה איז קעגן אייערע רעליגיעזע אדער מאראלישע איבערצייגונגען.

זיך איינצושרייבן אין די ׳ניו יארק סטעיט ארגאן ענד טישו דאנאר רעדזשיסטרי׳׳ (New York State Organ and Tissue Donor Registry), קענט איר פארלאנגען אז אן איינשרייבונגס בויגן זאל אייך ארויס געשיקט ווערן דורך די פאסט, אדער דורך טעלעפאנישרן צו (800) 443-8469, אדער קענט איר זיך איינשרייבן עלעקטראניש אין די ׳דאנעיט לייף רעדזשיסטרי׳׳ (Donate Life Registry) דורך באזוכן אויף donatelife.ny.gov.

איר קענט זיך אויך איינשרייבן ביי די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו מאטאר וויהקלס (NYS Department of Motor Vehicles) אדער ביי די באורד אוו עלעקשאנס (Board of Elections). איר וועט אויטאמאטיש ווערן איינגעשריבן אויב איר באצייכענט דעם ׳ארגאן דאנאר׳ (organ donor) קעסטל אויף די אפליקאציע אדער באנייאונגס פאָרם פון אייער ׳דרייווערס לייסענס׳ (driver's license) אדער ׳נאן-דרייווער איידענטיפיקעישאן׳ קארד (non-driver identification (ID) card).

> ”
>
> **אין ניו יארק קען יעדער מענטש פון 18 יאר אלט אדער עלטער מנדב זיין ״סיי וועלכע אדער אלע טיילן פון זייער קערפער נאכן שטארבן, פאר סיי וועלכן שפיטאל, כירורג, דאקטאר, ׳אקרעדיטעד׳ מעדיקל שולע, ׳סטארעדזש פאסיליטי׳׳, ספעציפישער פערזאן אדער פאר אן איברים ׳פראקיורמענט׳ ארגאניזאציע (organ procurement organization).**

# פארטרעטער׳שאפט קראפט [׳פאוער אוו אטוירני׳] (Power of Attorney)

## וויאזוי ווערט אומבארירליכקייט (Incapacity) באשטימט

לויטן ניו יארק סטעיט געזעץ קענט איר באשטימען א מענטש צו מאכן פארמעגן, פינאנציעלע און אנדערע לעגאלע נישט-העלטה קעיר באשלוסן אין אייער נאמען, דורך א פארטרעטער׳שאפט קראפט [׳פאוער אוו אטוירני׳] (Power of Attorney).

**א דויערהאפטע פארטרעטער׳שאפט קראפט [׳פאוער אוו אטוירני׳]** (Power of Attorney) ערלויבט אייך, דער ׳פרינציפאל׳ (Principal), צו באשטימען אן אגענט וואס זאל נעמען שריט אנשטאט אייך, אדער זאפארט ווען עס ווערט אונטערגעשריבן, אדער ווען עס קומט פאר א געוויסע צוקונפטיגע פאסירונג וואס איר האט אידענטיפיצירט, און עס האלט אן ביז איר אנולירט עס, אדער ווען איר שטארבט. דער קראפט ווערט פארגעזעצט ווען איר זענט גייסטיש אדער פיזיש ׳אומבארירליך׳ (incapacitated).

א פארטרעטער׳שאפט קראפט [׳פאוער אוו אטוירני׳] (Power of Attorney) קען געניצט ווערן צו שענקען פאר אן אגענט סיי וועלכע און אלע פון די פאלגענדע לעגאלע קרעפטן: קויפן אדער פארקויפן אייער ריעל עסטעיט; פארוואלטן איבער אייער פארמעגן; דורכפירן באנקירונג טראנזאקציעס; אינוועסטירן אדער נישט אינוועסטירן אייער געלט; מאכן לעגאלע פאדערונגען און איינגעבן געזעצליכע קלאגעס אין אייער נאמען; און פארוואלטן איבער אייערע שטייער און ׳רעטייערמענט׳ (retirement) אנגעלעגנהייטן.

א פארטרעטער׳שאפט קראפט [׳פאוער אוו אטוירני׳] (Power of Attorney) ווערט אפט מאל גענוצט צו פלאנירן איינם׳ס צוקונפטיגע ׳אומבארירליכקייט׳ (incapacity) אדער ׳דיסאביליטי׳, און דאס פארלירן קאמפעטענץ אלס רעזולטאט פון, למשל, אלצהיימער׳ס קרענק אדער א קאטאסטראפישע עקסידענט.

עס איז וויכטיג צו וואוסן אז דער ניו יארק ׳העלטה קעיר פראקסי׳ געזעץ טוט ספעציפיש פאדערן פון אייך אויסצופילן א ׳העלטה קעיר פראקסי׳ פאָרם אויף צו באשטימען אייער העלטה קעיר אגענט. דערפאר, קענט איר נישט קאמבינירן אייער ׳העלטה קעיר פראקסי׳ איינאיינעם מיט אייער ׳פאוער אוו אטוירני׳. דער אגענט וועמען איר האט באשטימט אין אייער ׳פאוער אוו אטוירני׳ קען, אבער מוז נישט, זיין דער זעלבער מענטש וואס איז דער העלטה קעיר אגענט אין אייער ׳העלטה קעיר פראקסי׳.

# צום שלוס

פונקטן צום גערענקן:

- אייער באשלוס צו אקצעפטירן אדער אנטזאגן מעדעצינישע באהאנדלונג, אריין גערעכנט פראצעדורן וואס פארלענגערן דאס לעבן (life-sustaining), ווענדן זיך ענדגילטיג אין אייערע פערזענליכע וואונטשן, ווערדן און איבערצייגונגען.

- פאראויס׳דיגע אנווייזונגען [׳עדוועגס דיירעקטיווס׳] קען אייך העלפן פארזיכערן אז אייערע העלטה קעיר וואונטשן זאלן אויסגעפאלגט ווערן אין פאל איר זענט אומפעאיג צו מאכן באשלוסן פאר זיך אליין.

- פאראויס׳דיגע אנווייזונגען [׳עדוועגס דיירעקטיווס׳] זענען גענייגענט פאר יעדן איינעם, נישט בלויז עלטערע לייט און מענטשן וואס זענען כראניש קראנק.

- פאראויס׳דיגע אנווייזונגען [׳עדוועגס דיירעקטיווס׳] פאָרם׳ס זענען פריי פון אפצאל.

- פאראויס׳דיגע אנווייזונגען [׳עדוועגס דיירעקטיווס׳] קענען אנולירט ווערן סיי ווען איר ווילט.

- פאראויס׳דיגע אנווייזונגען [׳עדוועגס דיירעקטיווס׳] זענען אממערסטענס נוצבאר ווען עס קומט אינאיינעם מיט געשפרעכן מיט אייער פאמיליע און אייערע באליבטע איבער אייערע פערזענליכע ווערדן און איבערצייגונגען. (אויב איר געפינט זיך אין א שפיטאל) קענט איר אויך וועלן זיך דורך רעדן מיט א פאציענט פארשטייער (patient representative), אייער דאקטאר אדער אדוואקאט

# ענדע-נאָטיצן

[1] אין ׳ריווערס אקעגן קאָץ׳, 62 2d.NY.Y ,485 2d.N.Y.S 504 ,74 78 (1986), האָט דאָס געריכט אנערקענט אַז די אַנגענומענע לעגאַלע רעכט אַפּ-צו-זאָגן באַהאַנדלונג איז ווי אַ צווייג [׳קאָ-עקסטענסיוו׳] (co-extensive) פון אַ מענטשס אינטערעסע וועלכע איז באַשיצט דורך די ׳דיו פּראָסעס׳ (due process) סעיף אין די קאָנסטיטוציע פון ניו יאָרק סטעיט.

[2] דער ניו יאָרק געזונטהייט געזעץ, אַרטיקל C-29, זעהט אין אַלגעמיין, ניו יאָרק סטעיט טעסק פאָרס איבער לעבן און דאָס געזעץ, לעבן-פאַרלענגערן׳דע באַהאַנדלונג: מאַכן באַשלוסן און באַשטימען אַ העלטה קעיר אַגענט (1987) (עס שטעלט צו דעם סאָציאַלן, עטישן, און לעגאַלן הינטערשלאַק פון דעם ניו יאָרק העלטה קעיר פּראָקסי געזעץ); זעהט אויך די ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט און העלטה, די העלטה קעיר פּראָקסי געזעץ: אַ וועג-ווייזער פאַר העלטה קעיר פּראָפעסיאָנאַלן (1991).

[3] דער ניו יאָרק פּאַבליק העלטה געזעץ § 2991 פאָדערט פון שפּיטעלער און פון אַנדערע העלטה קעיר אַנשטאַלטן, צו צו-שטעלן פאַר פּאַציענטן אַ העלטה קעיר פּראָקסי פאָרם און אינפאָרמאַציע וויאַזוי מען שאַפט אַ פּראָקסי. אין צוגאָב דערצו, די פעדעראַלע ׳פּאַציענט סעלף דעטוירמינעישאַן׳ געזעץ פאָדערט פון העלטה קעיר אַנשטאַלטן איינצומעלדן פאַר זייערע פּאַציענטן וואָס עס זענען זייערע רעכטן צו שאַפן ׳עדוואַנס דיירעקטיוו׳ס׳ (advance directives) לויטן סטעיט געזעץ. זעהט 42 U.S.C .f)1395cc ).

[4] אין פאַל פון א׳קאָנער, 72 2d.N.Y ,517 2d.N.E 531 886 (1988)

[5] ניו יאָרק פּאַבליק העלטה געזעץ, אַרטיקל B-29.

[6] ניו יאָרק פּאַבליק העלטה געזעץ §§ 2960, 2965, 29662966, און ניו יאָרק ׳קאָמפּיילעישאַן און קאָודס׳, פאַרשריפטן און רעגולאַציעס, טייטל 10 § 405.43 (F)(1)(i), העלפט די מעגליכקייט פון ׳סאַראָגעיטס׳ (surrogates) צו געבן צושטימונג פאַר ׳באַפעל נישט אויפצולעבן׳ (DNR Orders) פאַר פּאַציענטן אין ׳האָספּייס׳ און ׳האָום קעיר׳ פלעצער.

[7] טשעפּטער 8 פון די געזעצן פון יאָר 2010 טוט אויסבעסערן ניו יאָרק פּאַבליק העלטה געזעץ צו שאַפן אַרטיקל CC-29 (באַקאַנט אַלס די ׳פעמילי העלטה קעיר דיסיזשאַנס׳ עקט).

[8] ניו יאָרק פּאַבליק העלטה געזעץ § 2994-d(1).

[9] ניו יאָרק פּאַבליק העלטה געזעץ § 2994-d(3)(i)(a).

[10] ניו יאָרק פּאַבליק העלטה געזעץ § 2994-d(4)(a).

[11] ניו יאָרק פּאַבליק העלטה געזעץ § 2994-d(3)(c).

[12] ניו יאָרק פּאַבליק העלטה געזעץ § 2994-d(3)(ii)(a).

[13] ניו יאָרק פּאַבליק העלטה געזעץ § 2994-d(5).

[14] ניו יארק פאבליק העלטה געזעץ § 2994-c(6).

[15] ניו יארק פאבליק העלטה געזעץ § 2994-c.

[16] ניו יארק פאבליק העלטה געזעץ, ארטיקל 29-B.

[17] זעהט 42 CFR § 418.3 און 10 NYCRR § 700.2.

[18] ניו יארק פאבליק העלטה געזעץ § 2991, פאדערט פון שפיטעלער און אנדערע העלטה קעיר אנשטאלטן, צו צושטעלן פאר פאציענטן א 'העלטה קעיר פראקסי' פאָרם און אינפארמאציע איבער שאפן א 'פראקסי'. אין צוגאב דערצו, פאדערט די 'פעדעראל פעישנט סעלף-דיטערמינעישאן' (Federal Patient Self-Determination Act) געזעץ אז העלטה קעיר אנשטאלטן זאלן אינפארמירן פאציענטן איבער זייערע רעכטן אונטערן סטעיט געזעץ צו שאפן 'פאראויס'דיגע אנווייזונגען ['עדוואנס דיירעקטיווס'] (advance directives). זעהט 42 U.S.C. § 1395cc(f) (2010).

[19] טשעפטער 331 פון די געזעצן פון 2010 (באקאנט אלס די 'פעליעיטיוו קעיר אינפארמעישאן' געזעץ (Palliative Care Information Act)), בעסערט אויס ניו יארק פאבליק העלטה געזעץ דורך צוגעבן § 2997-c.

[20] טשעפטער 59 פון די געזעצן פון 2011 (באקאנט אלס די 'פעליעיטיוו קעיר עקסעס' געזעץ (Palliative Care Access Act)), בעסערט אויס ניו יארק פאבליק העלטה געזעץ דורך צוגעבן § 2997-d.

Office of the New York Attorney General

***Letitia James***